בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ״ז

422

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


ווִיפִיל אַזֵייגֶער דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן?.......................................א


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פוּנְדָאסְנַיי זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן נָאךְ דִי חֲתוּנָה.......................................א

אַ פַארְהַארְטֶעוֶועטֶע, קַאלְטֶע, פַארְשְׁפַּארְטֶע גֶעפִילְן הַארְץ .......................א

דִי זְכוּת פוּן נֶעגְל וַואסֶער וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת .......................................ב

גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט פַאלְן פוּן דִי כּחוֹת.......................................ג

אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז .......................................ג

אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ .......................................ד

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת.......................................ה

וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן? .......................................ו

טְרָאץ אַלֶע טַעֲנוֹת, אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ גֶטְ'ן.......................................ו

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן .......................................ז

אַ מְלַמֵד קֶען טֵיילְוַוייז פַאסְטְן?.......................................ח

מִיטְפִילְן מִיט יֶענֶעם .......................................ח

צְוֵויי סִימָנִים פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים .......................................ט

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי אַרוֹיף צוּם צִיוּן .......................................י

מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַאטְשְׁן .......................................יא

דֶערְבִּיטֶערְקֵייט מַאכְט קְרַאנְק ............ יב
אֶפְשָׁר דִי פַּארְקֶעסְט נֶעמְט אַוֶועק דַיין פַּרְנָסָה? ............ יג
הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַחְדוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ............ יד
לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג ............ טו
סֵדֶר הַיּוֹם ............ טז
דִי פַייעֶר פוּן מַחֲלֹקֶת פַארְבְּרֶענְט אַלֶעס ............ טז
עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט ............ יז
דֶער הֶערְלִיכֶער סֵפֶר "יְמֵי מוֹהֲרָ"א"ש" ............ יח
אַז מֶען זוּכְט שָׁלוֹם, בְּרֶענְגְט מֶען דִי שְׁכִינָה ............ יח
אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַלֶעס אַ דִמְיוֹן ............ יט
לוֹיפְן הֶעלְפְן אִידְן, אָבֶער נִישְׁט לָאזְן דִי וַוייבּ אַלֵיין ............ כ
נִישְׁט שְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין קִינְדֶער ............ כא
מְחַזֵּק זַיין דֶעם זוּן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים לֶערְנֶען ............ כב
וַוארְף אַוֶועק דִי חָכְמוֹת, דִי קַאמְפְּלֶעקְסְן ............ כב
מַחֲלֹקֶת שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שֶׁפַע ............ כג
אָן חִיזוּק וֶוערְט מֶען אַלְט, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ ............ כד
אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן בְּלָאטֶע, אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק ............ כד
דָאס אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן אַיינְגֶעצוֹיגְנְקֵייט שַׁאדְט ............ כה
נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נִישְׁט שְׁטֶעכְן, אוּן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן ............ כו
זִיךְ אָפְּוַואשְׁן אוּן אָפְּרֵיינִיגְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי בְּלָאטֶע ............ כח
גַאנְץ יֶערִיגֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה ............ כט
כַּאפּ אַרַיין גוּטְס, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם ............ לא
לֵיצָנוּת אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעמֶען ............ לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִיפִיל אַזֵייגֶער דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן?

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען לֶעצְטְנְס ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט עֶטְלִיכֶע מָאל אַז דִי עֵצָה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי, אִיז צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֵיינְט גֵיין שְׁלָאפְן 'פְּרִי', וַוייל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן עֶטְלִיכֶע טֶעג בְּעֶרֶךְ אוּם עֶלְף אַזֵייגֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צַייטְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן נָאךְ פְּרִיעֶר.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, אָבֶּער וָואס קֶען אִיךְ טוּן, תּוֹרָה הוּא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, אִיךְ וִויל ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

### לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֵייגְסְט זִיךְ פְּרִי שְׁלָאפְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט.

אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן נָאר אַפָּאר טֶעג גֵייט מֶען שְׁלָאפְן פְּרִי - אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, מֶען דַארְף אָנְהַאלְטְן אַ שְׁטִיק צַייט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ מַזִּיקִין

בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ״, דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער מַלְאָךְ הַמַּזִּיק וֶוערְט אוֹיס דוּרְךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם. נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ״, וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן אַזוֹי הַרְגֶ׳עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים, אוּן נָאךְ זָאגְן זֵיי (בְּרָכוֹת ח:), רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: ״אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית״, אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי׳אִישֶׁע בֶּעט; זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דִי עֶרְשְׁטֶע פְּשַׁט אִיז: ״לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע״, עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בֶּעט, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁלָאפְן. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן אוּן בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): ״אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי״, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין בֶּעט; אַזוֹי אִיז דִי שְׁלָאף אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף, אוּן בֶּעט זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### פוּנְדָאסְנַיי זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס בַּיי דִיר אִיז גוּט, אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

בְּרוּדֶער, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען פְרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן, וַוייל וֶוען מֶען אִיז אַ בָּחוּר, צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען מִיטְן רֶבִּי׳ן, מִיט דִי חִיזוּק אוּן דִי עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען זִיךְ פוּנְדָאסְנַיי אוֹיפְפְרִישְׁן מִיטְן וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ קוּמֶען לֵיל שִׁשִּׁי צוּ דִי שִׁיעוּרִים; קוּם צוּם שִׁיעוּר וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזוּק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

...

### אַ פַארְהַארְטֶעוֶועטֶע, קַאלְטֶע, פַארְשְׁפַּארְטֶע גֶעפִילְן הָארְץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, זַיי בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין אָנְצוּהֵייבְּן מִיט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; נִישְׁט צוּ זַיין צְוֵוייט, נָאר זַיי דוּ עֶרְשְׁט צוּ לוֹיבְּן אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳.

פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִין יְשִׁיבָה, אַז וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ וַוארְטְן בֵּיידֶע צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט וְכוּ', אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת (קָאמְפְּלֶעקְסְן) פוּן נִישְׁט אָנְהֵייבְּן וְכוּ', נָאר נָאכְקוּמֶען צְוֵוייט; אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כ:): "אִשָּׁה מְבָרֶכֶת לְבַעֲלָהּ, אֲבָל אָמְרוּ חֲכָמִים 'תָּבֹא מְאֵרָה לְאָדָם שֶׁאִשְׁתּוֹ מְבָרֵךְ לוֹ'", וַוייל עֶס קוּמְט פַארְקֶערְט, דֶער מַאן זָאל אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דִי פְרוֹי זָאל עֶנְטְפֶערְן וְכוּ', אוּן אַז עֶס גֵייט פַארְקֶערְט - אִיז דָאס פַארְקֶערְט פוּן בְּרָכָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְּן לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט; מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען מַאכְן פוּן אַ פַארְהַארְטֶעוֶועטֶע, קַאלְטֶע, פַארְשְׁפַּארְטֶע גֶעפִילְן הַארְץ צוּ אַ וַוארֶעמֶע פַארְגֶעבְּנְדֶע רֶעדֶענְדִיגֶע וְכוּ' הַארְץ.

...

## דִי זְכוּת פוּן נֶעגְל וַואסֶער וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט זִיךְ פָאר עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס קוּמְט אַייךְ אָן גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייעֶר מַאמֶע'ן. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער עִיקָר וָואס טוּט זִיךְ אִין הַארְץ, "הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב" (שְׁמוּאֵל א טז, ז), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דָאס הַארְץ.

נֶעמְט זִיךְ פָאר זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן "נֶעגְל וַואסֶער"; דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר אַ זְכוּת פַאר אִיר אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין שְׁוֶוער שְׁרֵייט אוֹיף דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ זַיין קְלוּג אוּן חַס וְשָׁלוֹם חוּזֶק מַאכְן אָדֶער אִים בַּארֶעדְן פַאר דַיין וַוייבּ. בַּארוּאִיג דַיין וַוייבּ, הֶער אִיר אוֹיס אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶער נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט פַאלְן פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, יֶעצְט נָאכְן גֶעבּוֹירְן דַארְף זִי זִיךְ אָפְּרִיעֶן, אוּן אַז אִיר טַאטֶע שְׁרֵייט אוֹיף אִיר אוּן אִיז אִיר מְבַזֶּה - אִיז כְּדַאי אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן קִימְפֶּעטְן דָארְט.

שְׁטַארְק זִיךְ דוּרְךְ אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אוּן דוּרְךְ אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, דָאס גֶעבְּט כֹּחַ אוּן מֹחַ.

...

## אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן זַיין אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה, קְדוּשָׁה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיטְן מְנַהֵל, נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען עֶר רוּפְט דִיךְ אִינְדֶערְפְרִי פְרֶעגְן הֲיִתָּכֵן דוּ בִּיסְט שְׁפֶּעט; דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער מְנַהֵל טְרָאגְט דִי אַחְרַיוּת פוּן אַלֶעס, אוּן אַז דִי מְלַמְּדִים קוּמֶען נִישְׁט צַייטְלִיךְ מוּז עֶר זֵיי רוּפְן, אוּן אַז רוּפְן הֶעלְפְט נִישְׁט דַארְף עֶר רֶעדְן מֶער שְׁטְרֶענְג, וַוייל דִי חֵדֶר דַארְף הָאבְּן זְמַנִּים, אוּן דִי הַצְלָחָה לִיגְט אִין דֶעם.

טוּ מִיר צוּלִיבּ, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיטְן מְנַהֵל, נֶעם אַרוֹיס דִי וֵוייטָאג וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן טִיף אִין הַארְץ. וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס וֵוייטָאג? דוּרְךְ

הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט דָאס טוּן וַוייל אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז נָאר אוֹיב עֶס וֶועט זַיין לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז, חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב וֶועלְן מִיר זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן, וֶועט אַלֶעס צֶעפַאלְן, הָיָ' לֹא תִהְיֶ'.

...

## אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי דוּ ווִילְסְט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, וַוייל אוֹיב מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן וֶוערְן בְּכַעַס - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ, צוּ עוֹלָם הָאֲצִילוּת, אֲפִילוּ מֶען לִיגְט אִין מְדוֹר הַקְלִפּוֹת וְכוּ', דוּרְךְ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, דוּרְךְ זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא; בִּפְרַט אִין שְׁטוּב אוֹיף דִי וַוייבּ טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת, אוּן אַז זַאכְן בַּאדֶערְן, זַאכְן שְׁטֶערְן, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם - מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אוֹיךְ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן אַפָּאר בְּרִיוְון פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער גֶעדוּלְדִיג, דוּ וֶועסְט קֶענֶען סוֹבֵל זַיין וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי דוּ ווִילְסְט, אוּן וֶוען זַאכְן וֶוערְן גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג.

דִי בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַלְס שַׁדְכָן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יָארְן צוּרִיק דַיין

שַׁדְכָן און אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן שַׁדְכָן, אִיךְ ווִיל דַיין שְׁטוּב זָאל בְּלַייבְּן, און נָאר דוּרְךְ זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת און חֲלִישׁוּת הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר ווֵיי אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ, מֶען אִיז דִיךְ מְבַזֶה, און ווֶער אִיז דִיךְ מְבַזֶה? אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גָאר, אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת; דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר ווֵיי, דָאס טוּט מִיר ווֵיי מֶער פוּן אַלֶעס, אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע ד׳ אַמּוֹת, צוּ הָאבְּן אַ פִּנַּת יִקְרַת אָן פַּיינְטְשַׁאפְט.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן, זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ, מֶען אִיז דִיךְ מְבַזֶה - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, און זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ טוּסְט תְּשׁוּבָה, און אַז דִי בִּזָיוֹן זָאל זַיין פַאר דִיר אַ כַּפָּרָה, און דִי חֲלִישׁוּת הַדַעַת זָאל זַיין גֶערֶעכְנְט ווִי אַ תַּעֲנִית, און זַיי דַן לְכַף זְכוּת דִי אַלֶע וָואס טְשֶׁעפֶּען דִיךְ און טוּעֶן דִיךְ ווֵיי, מִן הַסְתָּם ווֵייסְן זֵיי נִישְׁט אַז זֵיי טוּעֶן דִיךְ ווֵיי, און אַז זֵיי ווֵייסְן יָא - מֵיינֶען זֵיי אַז זֵיי טוּעֶן אַ מִצְוָה.

פַארְגֶעס נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען דָא נָאר פַאר אַפָּאר יָאר, און עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת און חֲלִישׁוּת הַדַעַת, ווִי מֶען אִיז אָפְּגֶעקוּמֶען אַזוֹיפִיל פוּן דַארְפְן לַיידְן עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אִיךְ בִּין דִיךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת און פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט נָאךְ יֶעצְט.

...

**וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

לֶעצְטְנְס הֶערְט מֶען שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הֵיימִישֶׁע אִידְן וֶוערְן גֶע'הַרְג'עֶט, קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן נִפְטָר, רַחֲמָנָא לִצְלָן, מַיינְ'ס אַ קָרוֹב זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ אֵיינֶער פוּן דִי גֶע'הַרְג'עֶטֶע לֹא עָלֵינוּ; מִיט וָואס דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן מִיט וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען זָאל זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הַארְץ אוֹיף אַנְדֶערֶע.

...

**טְרָאץ אַלֶע טַעֲנוֹת, אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ גֶטְ׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבְרֵךְ ... הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ וִוילְסְט זִיךְ גֶטְ׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן זָאלְסְט עֶס נִישְׁט טוּן, וַוייל מִיט אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף דַיין וַוייבּ - אִיז נָאכְאַלְץ עֶרְגֶער זִיךְ צוּ גֶטְ׳ן, וַוייל וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין נָאכְן גֶט, וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אוּן וֶוער זָאגְט אַז דִי צְוֵוייטֶע וֶועט נִישְׁט זַיין עֶרְגֶער? אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת וִוי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דָאס בִּיסְל סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי אַלֶע מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי גְרֶעסְטֶע טָעוּת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דִי אַלֶע טַעֲנוֹת קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן. אִיךְ בִּין גְרֵייט דִיר צוּ הֶעלְפְן אִיר צוּ בֶּעסֶער מַאכְן אוּן אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע טַעֲנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ גוּטֶער אִיד; דָאס הֵייסְט אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶונֶען אוּן אַבִּיסְל לֶערְנֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳.

לָאז מִיר וִויסְן, אָדֶער דוּרְךְ מִיךְ רוּפְן אָדֶער דוּרְךְ שְׁרַייבְּן, אָדֶער קֶענְסְטוּ עֶנְטְפֶערְן דוּרְךְ דֶעם אִינְגֶערְמַאן הַנַּ"ל.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי גוּטֶע הַחְלָטָה, בְּלַייבְּן מִיט דַיין וַוייבּ.

...

### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְּרוֹי וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אוּן ווּאוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אִיר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל אַז מֶען זֶעט אַרוֹיס דִי הָאר אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבּ. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:), אַ פְּרוֹי וָואס דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר אִין שְׁטוּבּ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן בְּרֶענְגְט עֲנִיּוּת אִין שְׁטוּבּ, אוּן זִי בְּרֶענְגְט צוּ אַז אִירֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אִין שְׁטוּבּ.

דֶער זוֹהַר זָאגְט אַז דָאס אִיז אֲפִילוּ מֶען דֶעקְט אוֹיף דִי הָאר נָאר אִין שְׁטוּבּ, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ מִיט הָאר.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אִיר הָאט מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁטוּבּ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ זָאל קוּמֶען צוּ עֶנְק רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת אוּן הַצְלָחָה.

...

**אַ מְלַמֵּד קֶען טֵיילְוַוייז פַאסְטְן?**

**אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט:**

אִיז גוּט פַאר מִיר צוּ פַאסְטְן פוּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פוּן זַאכְן וָואס קוּמֶען פוּן אַ דָּבָר מִן הַחַי אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן אֲפִילוּ נָאר אַ תַּעֲנִית פוּן דָּבָר מִן הַחַי.

...

**מִיטְפִילְן מִיט יֶענֶעם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס מֶען וִויל יֶעצְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אוֹיף אוּנְז וְכוּ', אוּן דוּ זָאגְסְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג, מְחַגֵּר), אַז יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וִויל אַ צְוֵוייטֶער אוֹיסְרַייסְן דִי בּוֹים וְכוּ'.

אִיךְ זֶע דָא אַן אַנְדֶערֶע רֶמֶז, אִיךְ זֶע דָא אַז מִיר דַארְפְן פַארְעֶכְטְן דִי לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אוּנְז, וַוייל אַז בַּיי אוּנְז שְׁטֶעכְט מֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט - דֶעמָאלְט פַּאסִירְט אַז מֶען קוּמְט פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּנְז שְׁטֶעכְן אוּן פַיינְט הָאבְן; וָואלְטְן מִיר זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, וָואלְטְן מִיר גֶערֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן - וָואלְט קֵיינֶער אוּנְז נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלֶעכְטְס טוּן; אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בִּפְרָטִיּוּת בַּיי אוּנְז - אִיז דָאס בִּכְלָלִיּוּת בַּיי דִי וֶועלְט, וֶוען קוּמֶען דִי גוֹיִם אוּן טְשֶׁעפֶּען אוּנְז אִידְן? וֶוען מִיר אַלֵיינְס טְשֶׁעפֶּען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז דִי גְזֵירָה פוּן דִי קַאנְטֶענִיסְטְן אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף צַדִּיקִים, אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטֵייט, אַזוֹי וִוי זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (אִגֶּרֶת הַקּוֹדֶשׁ): "וְשָׁמַעְתִּי מאאמו"ר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע, גֶעוַואלְד אוֹיף דִי מַחֲלֹקֶת, "וּבְוַדַּאי אִלּוּלֵי זֹאת אֵין כָּל אֻמָּה

וְלָשׁוֹן הָיָ׳ יְכוֹלִים לִשְׁלוֹט בָּנוּ״, און וָוען נִישְׁט דָאס וָואלְט קַיין שׁוּם פָּאלְק אוּנְז נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, עַיֵּין שָׁם.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ מַאךְ נִישְׁט אַוֶּועק דַיינֶע רְמָזִים מִיט דַיינֶע חִידוּשִׁים, אָבֶּער לַעֲנִיַּת דַּעְתִּי, אוֹיבּ וָואלְט מִיר זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, מִיר וָואלְטְן גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט רַחְמָנוּת, מִיר וָואלְטְן גֶעזֶען דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן און גֶערֶעדְט שֵׁיין, נִישְׁט שְׁטֶעכֶעדִיג - וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט שׁוֹין לַאנְג בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה דוּרְךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אִין דִי וֶועלְט.

הֶעלְף מִיר מִיט דֶעם פְּרַט, רֶעד צוּ דִי אִינְגֶעלַייט און צוּ דִי בָּחוּרִים, (און דַיין וַוייבּ מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער צוּ דִי פְּרוֹיעֶן) - פוּן דֵן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּן זוּכְן לִיבְּשַׁאפְט, זוּכְן שָׁלוֹם, זִיךְ גְרִיסְן, גֵיין צוּ שְׂמְחוֹת, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶענֶעמְ׳ס שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶענֶעמְ׳ס הַצְלָחָה און הָאבְּן מִיטְלַייד מִיט יֶענֶעמְ׳ס וֵוייטָאג - דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַיין בְּלוּט אִיז פַארְ׳סַמְ׳ט און פַארְגִיפְטֶעט, אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע אִידִישֶׁע הֵיילִיגֶע בְּלוּט, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַ צְוֵוייטְנְ׳ס הַצְלָחָה און זִיךְ וֵויי טוּן וָוען יֶענֶעם טוּט וֵויי״.

הַארְצִיגֶער חַבֵר, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס גֶעבֶּעטְן פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעלִיטְן פַאר אוּנְז, לָאמִיר צוּרִיק גֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא״שׁ גוּטְס, לָאמִיר טוּן זַיין וִוילְן; אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען.

...

## צְוֵויי סִימָנִים פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ב׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן

שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים מֶער ווִי מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אַ פֵייעֶר, וַוייל שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען חָרוּב מַאכְן דָאס לֶעבְּן פוּן דִי וֶועלְט און פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

צְוֵויי סִימָנִים גֶעבּ אִיךְ דִיר צוּ זֶען וֶוער אִיז אַ נִישְׁט גוּטֶע חַבֵר פַאר דִיר:

1) הֶער וָואס יֶענֶער רֶעדְט, אַז יֶענֶער רֶעדְט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אָדֶער כְּמוֹ מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ אַוֶועק שְׁטֵיין פוּן יֶענֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה חֵלֶק א, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֶוער עֶס רֶעדְט שְׁמוּצִיג אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ שְׁמוּצִיגֶער מֶענְטְשׁ; גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים וְכוּ'.

2) גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן בָּחוּרִים וָואס זָאגְן דִיר זָאלְסְט נִישְׁט פָאלְגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, פוּן זִיךְ אַוֶועק רִירְן פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם, חַס וְחָלִילָה זִיךְ אַוֶועק רִיקְן פוּן דִי וֶועג וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן.

זַיי שְׁטַארְק מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, זִיבְּן דַפִּים גְּמָרָא, זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים און לֶערְן אַסַאךְ סֵפֶר הַמִּידּוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין גַאס מִיט דִי אוֹיגְן אַרָאפּ און דִי קָאפּ און הַארְץ אוֹיף אַרוֹיף, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן און זַיין אַ צַדִיק.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי אַרוֹיף צוּם צִיוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּ אַ חֲתוּנָה קַיין מָאנְסִי און אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד

גֶעוֶועןֶ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ; אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מָאנְסִי פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם צִיּוּן דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין.

דוּ וואוֹינְסְט אִין מָאנְסִי, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי אַרוֹיף צוּם צִיּוּן, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְרָאסְט, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים צִיּוּן בִּין אִיךְ מַמָּשׁ פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי מַצֵּבָה וואוּ עֶס שְׁטֵייט: "תָּבַר גְּזִיזֵי דְבַרְדָא", אַז דֶער צַדִּיק הָאט צֶעבְּרָאכְן שְׁטִיקֶער אַייז צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, דִיךְ דִינֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ".

אַשְׁרֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

יֶעצְט וֶוען עֶנְק גֵייעֶן אַרִיבֶּער וְכוּ', עֶנְק הָאבְּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' נָאךְ אַפָּאר חֲדָשִׁים - דַארְפְן עֶנְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶנְק דַארְפְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, אוּן אַלֶעס אִיז זִיכֶער לְטוֹבָה, אוּן דָאס וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אִיז אוֹיךְ אַ טוֹבָה, אוּן עֶנְק וֶועלְן נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ, עֶנְק וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת.

יֶעצְט דַארְפְן עֶנְק זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, עֶנְק דַארְפְן מֶער מַמְתִּיק זַיין

דִי דִינִים דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, טוּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יא): "כְּשֶׁיֵּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, דִּינִים", וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים זָאל מֶען טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט נִמְתָּק דִי דִינִים.

עֶנְק זָאלְן יֶעדְן טָאג אָנְצִינְדְן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים אוּן טַאנְצְן "כִּי טוֹב הַשֵּׁם", "הוֹדוּ לַשֵּׁם", "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "מָה אָשִׁיב לַשֵּׁם", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

...

## דֶערְבִּיטֶערְקֵייט מַאכְט קְרַאנְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פָארִיגֶע וָואךְ בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט אַ חִידוּשׁ וָואס אִיז מִיר נִתְחַדֵּשׁ גֶעוָוארְן בְּשַׁעַתְ'ן לֵיינֶען, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ו, יט): "וּבְנֵי מְרָרִי", דִי קִינְדֶער פוּן מְרָרִי, "מַחְלִי וּמוּשִׁי", זֶענֶען מַחְלִי אוּן מוּשִׁי; אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ בְּלִיץ אִין מַחֲשָׁבָה, 'בְּנֵי מְרָרִי' - וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין דֶערְבִּיטֶערְט? 'מַחְלִי' - קְרֶענְק.

הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיף וָואס אִיז מְרַמֵּז 'מוּשִׁי', הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעוִויזְן אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קי, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה", אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְגֶערֶעבְּטְקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת י, כא): "וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ"; בָּרוּךְ שֶׁכִּוַּנְתִּי צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, יֶעצְט לֶערְן אִיךְ אַבִּיסְל אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק יז (מִכְתָּב ב' אֲלָפִים תנז), דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "בְּרַח לְךָ מֵעַצְבוּת וּמְרִירוּת", אַנְטְלוֹיף פוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערְבִּיטֶערְט, וַוייל "בְּנֵי מְרָרִי מַחְלִי וּמוּשִׁי, הַתּוֹלָדוֹת שֶׁל מְרִירוּת הוּא מַחְלוֹת וְעוֹבִיוּת", דוּרְךְ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶערְבִּיטֶערְט וֶוערְט מֶען קְרַאנְק אוּן דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְיָאִיר בֶּן מְנַשֶּׁה" (בַּמִּדְבָּר לב, מא), מְנַשֶּׁה אִיז שִׁכְחָה, אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְגֶעסְן, זִיךְ בַּאנֵייעֶן, וָואס אִיז דִי תּוֹלְדוֹת פוּן מְנַשֶּׁה? וְיָאִיר, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג; אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם עָבַר הֵייבְּט אָן לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס זָאל דִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׂם גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אוּנְז מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק, מִיר זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אוּן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

...

## אֶפְשָׁר דִי פַּאדְקֶעסְט נֶעמְט אַוֶועק דַיין פַּרְנָסָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אֲפִילוּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, אָבֶּער מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ אָפְּקְלֶעבְּן; אוֹיבּ מֶען מַאכְט יֶעדְן טָאג תְּפִלָּה מִיט עַקְשָׁנוּת, טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - קֶען מֶען זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, אַז דוּ בִּיסְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ הֶערְן פַּאדְקֶעסְטְס פוּן יֶעדְן קְרֶעצִיגֶער אוּן קְרַאנְקֶער אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ חֵלֶק פוּן דַיין לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי הֵיילוּנְג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, קוּק מִיךְ אָן, קוּק וָואס אִיךְ טוּ, קוּק וָואס אִיךְ קוּק, אִיךְ קוּק אוּן קוּק פַּאדְקֶעסְטְס פוּן יֶעדְן קְרֶעצִיגֶער אוּן קְרַאנְקֶער, אוּן אִיךְ וִויל אָבֶּער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט קוּקְן, אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאגְן, אִיךְ זָאל נָאר אוֹיסְהֶערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אֲפִילוּ עֶס זֶעט דִיר אוֹיס עַל מְנָת שֶׁתַּעֲלֶה לָרָקִיעַ, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וֶועט דִיר זָאגְן אַז מֶען קֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, וֶועסְטוּ אִים אָנְקוּקְן 'וִוי? וָואס? וֶוען? עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ!' זָאג נִישְׁט אַזוֹי, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז מֶעגְלִיךְ, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ; מִיט

תְּפִלָּה, מִיט עַקְשָׁנוּת אִין תְּפִלָּה - קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן אַלֶע זוּהֲמוֹת.

מִי יוֹדֵעַ, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דָאס וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אַזוֹי אִין פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט פוּן אוֹיסְהֶערְן דִי פַּאדְקֶעסְטְס וָואס אִיז פוּל מִיט מִינוּת וּכְפִירָה, קוּק אַרַיין אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳, מֵחָכָם וְתָּם), נָאכְדֶעם וָואס דֶער חָכָם אִיז אַרַיין אִין חֲקִירוֹת אוּן מִינוּת הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גֶעלְט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ קַבְּצָן, אַ בֶּעטְלֶער, אַ פִּיס גֵייעֶר; עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין הוֹיז, זַיין קַאר; בִּיז דֶער תָּם הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם צַדִיק, אוּן דֶער צַדִיק הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ מֶלֶךְ מִיט אַ צַדִיק, עַיֵּין שָׁם.

מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט עַקְשָׁנוּת אִין תְּפִלָּה וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַחְדוּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַהֲרֹן בֶּן רוּת נָעֳמִי נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ רוּדֶערְסְט, דוּ רוּפְסְט אוּן מַאכְסְט אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי חֲתִימוֹת וְכוּ׳ וָואס מֶען וִויל יֶעצְט אַרוֹיסְקוּמֶען וְכוּ׳.

אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן עֶפֶּעס גָאר וִויכְטִיג, מִיר טוּט מֶער וֵויי צוּ הֶערְן וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּתוֹכֵנוּ שְׁטֶעכְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - וִוי אַ קוֹל קוֹרֵא פוּן טוֹיזְנְט חֲתִימוֹת, אִיךְ זָאג דִיר דָאס מִיט אַן אֱמֶת, אִיךְ וֶוער צֶעשְׁנִיטְן אוּן צֶעשְׁטָאכְן צוּ זֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער - בַּארֶעדְן זִיךְ אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, דָאס טוּט מִיר מֶער וֵויי.

דֶערְפַאר, אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן מִיט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַחְדוּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בִּפְרַט אִין שְׁטֶעטְל וואוּ מֶען לֶעבְּט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִינְאֵיינֶעם, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּייסְן, מֶען זָאל זִיךְ דֶערְלַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ

לִיב הָאבְּן װעט אוּנְז קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן, אוּן אַז מִיר װעלְן זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן װעט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין זֵכֶר פוּן אוּנְז, הָדָ׳ לֹא תִהְיֶ׳.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ טוּן בַּיי אוּנְז, נִישְׁט זַיין פַאַרְנוּמֶען מִיט זֵיי וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט צוּם שִׁיעוּר הֲלָכָה בַּיינַאכְט וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט), יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג.

יֶעצְט לֶערְנֶען מִיר הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לה.) אַז מֶען טָאר נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אָן דֶעם וָואס מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא, וָואס זָאל טוּן דֶער וָואס הָאט יָא הַנָאָה גֶעהַאט אָן מַאכְן בְּרָכוֹת? ״יֵילֵךְ אֵצֶל חָכָם״, עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק אוּן מִיט דֶעם וועט עֶר דָאס פַארֶעכְטְן, דִי גְמָרָא פְּרֶעגְט דָארְט וַוייטֶער, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת נֶעמְט אָן דֶעם תֵּירוּץ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן כז): ״בַּהֲלִיכָה שֶׁהוֹלֵךְ אֵצֶל תַּלְמִיד חָכָם״, מִיטְן גֵיין צוּם תַּלְמִיד חָכָם, ״בָּזֶה הוּא מְתַקֵּן פְּגַם שֶׁפָּגַם בְּבִרְכַּת הַנֶּהֱנִין״, פַארֶעכְט מֶען דִי פְּגַם פוּן נִישְׁט מַאכְן בְּרָכוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ יֶעדְן טָאג, טֵייל עֶס אַיין לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; זָאג דִי װערְטֶער, דָאס װעט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ װערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

## סֵדֶר הַיּוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אִין כּוֹלֵל בּוֹקֶר, פוּן זֶעקְס בִּיז זִיבְּן אַזֵייגֶער זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

שְׁטֵיי אוֹיף פִינְף אַזֵייגֶער, גֵיי אִין מִקְוֶה, גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פוּן זֶעקְס בִּיז זִיבְּן זָאלְסְטוּ זַיין אִין כּוֹלֵל בּוֹקֶר, זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִין דִי יוֹם תְּהִלִּים, זִיבֶּעְנֶע זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען אוּן אַכְט אַזֵייגֶער קֶענְסְטוּ זוּכְן פַּרְנָסָה אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה.

נָאךְ מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ תַּעֲנִית הַדִּבּוּר, רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ רֶעדְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן פַארְבְּרֶענְגֶען אִין גַאס, דוּ וֶועסְט אַהֵיים גֵיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ צִיעֶן צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ דִי לִיכְטִיגֶע זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ.

...

## דִי פַייעֶר פוּן מַחֲלֹקֶת פַארְבְּרֶענְט אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי נֵייעֶ סֵפֶר יְמֵי מוֹהֲרַא״שׁ וָואס הָרַב הַצַּדִּיק ר׳ יִצְחָק שְׁלִיטָ״א הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, אַ טָאג-בּוּךְ פוּן מוֹהֲרַא״שׁ פוּן שְׁנַת תשמ״א, אִיךְ בַּאלֶעק זִיךְ דִי פִינְגֶער מִיט דֶעם סֵפֶר.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס גָאר שֵׁיין וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט פוּן מוֹהֲרַא״שׁ (אוֹת תמ״ו), אַ מָשָׁל, וֶוען מֶען קָאכְט אַ טָאפּ פְלֵייש, כָּל זְמַן דִי פֵייעֶר אִיז פוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם טָאפּ, דִי פֵייעֶר בְּרֶענְט אוּנְטֶערְן טָאפּ - דֶעמָאלְט קָאכְט זִיךְ דִי פְלֵייש זֵייעֶר גוּט, אָבֶּער אַז דִי פֵייעֶר גֵייט אַרַיין אִינֶעם טָאפּ - וֶועט אַלֶעס פוּנֶעם טָאפּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט; אַזוֹי אִיז מִיט מַחֲלֹקֶת, ווִי לַאנְג

די מַחֲלֹקֶת איז פון אינדרויסן איז דאס אַ גרויסע טוֹבָה, דאס איז די מַתָּנָה וואס דער רבי האט אונז געבּרענגט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבער אַז די פייער - די מַחֲלֹקֶת - בּרענט אינעווייניג - ווערט אַלעס פארברענט, אַלעס ווערט חָרוּב, ווייל אינעווייניג אינעם טאפ, אין אונזערע ד׳ אַמּוֹת - דַארף זיין נָאר ליבשאפט, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

איך ליין דעם סֵפֶר און איך שטיי און איך שטוין, ווי האט מוֹהֲרַ״ש געהאט די כּחוֹת ווען ער איז געווען איינער אַליין, אַלע האבן אים אַוועק געמאכט, און דאך איז ער אָנגעגאנגען מיט אַזא מְסִירוּת נֶפֶשׁ און מְפַרְסֵם געווען דעם רבּי׳ן אין די גאנצע וועלט, עס איז גאר וואונדערליך.

אַשְׁרֵינוּ אַז מיר זענען נישט פון די חוֹלְקִים.

...

### עס איז נישט גוט צו זיצן אָפּגעזונדערט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דאס וואס דו טראכסט אַז דו קענסט זיך זיצן אין אַ שוּל און לערנען סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, און וואס פעלט אויס צו קומען אין יְשִׁיבָה און דארפן מיט האלטן די שִׁיעוּרִים פון די מַגִּידֵי שִׁיעוּר?

דאס איז אַ סְקֶע״ם (שווינדל) פונעם יֵצֶר הָרָע, אַ פּאסטקע דיך אַריינצוכאפּן און דיך אַוועקנעמען פון רבּי׳ן, לְדַעְתִּי זאלסטו יא קומען אין יְשִׁיבָה און מיטהאלטן די שִׁיעוּרִים פון די מַגִּידֵי שִׁיעוּר, (בּיי אונז לערנען די מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים נישט קיין לאנגע שִׁיעוּרִים, יעדע שִׁיעוּר איז אַ דריי פערטל שָׁעָה), די מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וועלן דיר איבערגעבן אַזויפיל שֵׂכֶל און פארשטאנד וואס פעלט אויס צו וויסן פאר די לעבן.

קום צוריק אין יְשִׁיבָה, עס איז דא געַנוּג צייט אין יְשִׁיבָה פאר סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד און אויך פאר די שִׁיעוּרִים פון די מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, בִּפְרַט די שִׁיעוּר הֲלָכָה, די שִׁיעוּר חוּמָשׁ רַשִׁ״י און גְּמָרָא.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ זַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל דִי אַלֶע וָואס זִיצְן אָפְּגֶעזִינְדֶערְט, רֶעדְן נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - קֶען וֶוערְן אַ שְׁבִירַת כֵּלִים, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

## דֶער הֶערְלִיכֶער סֵפֶר "יְמֵי מוֹהֲרָא"ש"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יַעֲקֹב לֶעזֶער נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין טַאטֶע הָרַב הַצַּדִּיק שְׁלִיטָ"א אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר שִׁיקְן דֶעם הֶערְלִיכְן סֵפֶר וָואס אִיז יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דְרוּק, יְמֵי מוֹהֲרָא"ש פוּן שְׁנַת תשמ"א, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אֵיין מָאל דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶס צִיט זֵייעֶר, אִיךְ גֵיי דָאס שׁוֹין אִיבֶּער אַ צְוֵוייטֶע מָאל, אַזוֹיפִיל חִידוּשִׁים פוּן חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר דַארְפְן אַזוֹיפִיל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אוּנְז מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק, וָואס דֶערְמִינְטֶערְט אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען דִי וָואךְ אִין יְשִׁיבָה, עֶר שַׁיינְט, עֶר זֶעט אוֹיס פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז אַ גוּטֶע סִימָן וְכוּ'.

...

## אַז מֶען זוּכְט שָׁלוֹם, בְּרֶענְגְט מֶען דִי שְׁכִינָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טְרֶעפְן, דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע, וָואס טוּט מֶען מִיט דִי בְּנֵי תֵּשַׁע מִידוֹת, בְּנֵי שְׂנוּאָה מִיט בְּנֵי מְרִיבָה, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים כ:) אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן וֶוען זָאגְט מֶען אַז מֶען זָאל יָא לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וַוייל דָאס וֶועט מַאכְן שָׁלוֹם; דֶער חִילוּק אִיז, 'בְּנֵי שְׂנוּאָה' רֶעדְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַזוֹי פַארְפַיינְטֶעט אַז מֶען וִויל בִּכְלַל נִישְׁט מַאכְן דָא שָׁלוֹם, דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דָאס אִיז זְנוּת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ 'בְּנֵי מְרִיבָה', וֶוען מֶען בֶּעט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי קְרִיגֶערֵיי, דָאס אִיז אַ פְּגַם, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן מֶען וִויל אָבֶּער יָא מַאכְן שָׁלוֹם, מֶען וִויל עֶס יָא מַאכְן אַרְבֶּעטְן, מֶען וִויל נִישְׁט דִי פַיינְטְשַׁאפְט אוּן זִיכֶער אַז מֶען מַאכְט פִּיּוּס, מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אִיז דָאס זִיכֶער נִישְׁט דִי בְּחִינָה פוּן תֵּשַׁע מִידוֹת, אַדְרַבָּה, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם, דָאס מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "מֵשִׂים שָׁלוֹם בַּבַּיִת", דָאס מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען צוּרִיק דִי שְׁכִינָה, אוּן אֲפִילוּ בְּנֵי מְרִיבָה וָואס אִיז אַ קְלֵיינֶע קְרִיגֶערֵיי אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אִיסוּר אַז מֶען הַאלְט אָן דִי מְרִיבָה, קוּק אִין רַשִׁ"י (נְדָרִים כ: דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'בְּנֵי מְרִיבָה'), אָבֶּער אַז מֶען וִויל שָׁלוֹם אוּן מֶען טְרַאכְט אַז אַזוֹי וֶועט זַיין שָׁלוֹם, אוּן זִיכֶער אַז מֶען זָאגְט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרָאפּ דִי שְׁכִינָה צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

## אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַלֶעס אַ דִּמְיוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר; מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּמְט מִיר שׁוֹין מֶער אוֹיס זִיךְ צוּ זֶען וִוי מִיט דִיר, אַ שָׁאד מִיר זֶעעֶן זִיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאף דוּ דִינְסְט נָאךְ דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאף דוּ לֶערְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וַוייל וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז אַמָאל גֶעוֶוען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּ גֵיין צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרַנַ"תְּ, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזֶען אַ גוֹי שְׁפַּאצִירְן מִיט אַ הוּנְט, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט: "קוּקְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר עָרֵל אוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הִינְטְל", מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אַז מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, מֶען קֶען וואוֹינֶען אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַלֶעס אַ דִמְיוֹן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סֵפֶר הַמִּידוֹת, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן בְּעִיקָר אִין סִפְרֵי אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וָואס אִיז ווִי אַ תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען זִיךְ רוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אוּן אוֹיךְ נָאר אַז מֶען אִיז מְקַיֵּים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן נָאר אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - הָאט מֶען שַׁייכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרַיינְקוּקְן אִין דִי בְּרִיוו פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דִי בְּרִיוו אִיז זֵיי מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק, עֶס ווַייזְט זֵיי אַ וֶועג אִין לֶעבְּן; לֶערְן דוּ אוֹיךְ דִי בְּרִיוו, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו, וֶועסְטוּ אַסַאךְ פַּארְדִינֶען פוּן דֶעם.

...

## לוֹיפְן הֶעלְפְן אִידְן, אָבֶער נִישְׁט לָאזְן דִי וַוייבּ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ וֶוערְן אַ מֶעמְבֶּער אִין אֵיינֶע פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס, ווִי 'חֲבֵרִים', 'יְדִידִים', 'חֲבִיבִים' וְכוּ' וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, דִי מֶעמְבֶּערְס וָואס לוֹיפְן הֶעלְפְן אִידְן, דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, ווִי גְרוֹיס זֵייעֶר זְכוּת אִיז.

אָבֶער אִיךְ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ מֶעמְבֶּער יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט

נָאךְ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, און אויךְ שָׁנָה שְׁנִיָ׳; וַוייל וָואס וֶועט דַיין וַוייב טוּן אַז דוּ וֶועסְט לוֹיפְן בַּיינַאכְט, פַארְנַאכְטְס, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט - אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ? מֵילָא אַ בָּחוּר און אויךְ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער - אִיז גָאר חָשׁוּב צוּ זַיין אַ מֶעמְבֶּער, צוּ לוֹיפְן הֶעלְפְן אִידְן, אִיךְ בִּין מְקַנֵא זֵייעֶר זְכוּת, אִיךְ וָואלְט אויךְ גֶעוָואלְט זַיין אִין אַזַא טֵייעֶרֶע פְּלַאץ פוּן טוּן טָאג אוּן נַאכְט פַאר אַנְדֶערֶע, אָבֶּער ׳לַכֹּל זְמַן׳, יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ זַיין צַייט; אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה און שְׁנִיָ׳ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ בַּיינַאכְט, נִישְׁט נָאר מֶען קֶען נִישְׁט נָאר מֶען טָאר נִישְׁט.

גוּט אַז דוּ הָאסְט גֶעפְרֶעגְט, וַוייל נָאר פַאר דֶער וָואס פְרֶעגְט - קֶען מֶען זָאגְן, דֶער וָואס פְרֶעגְט נִישְׁט קֶען מַאכְן טָעוּתִים וָואס קֶען זַיין שֶׁעדְלִיךְ.

...

**נִישְׁט שְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יְשַׁעְיָ׳ אֵיידְלִיס נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן בַּאזוּנְדֶער מִיט מַיינֶע קִינְדֶער; בִּזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ הָאבְן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ וויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין און דוּ זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַלֶע מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען אוּנְטֶער דִיר, נִישְׁט שְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין קִינְדֶער, נִישְׁט אָנְרִירְן אַ קִינְד; דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, און אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ קִינְד אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ און מֶען דַארְף עֶפֶּעס טוּן - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זָאלְסְט גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרַיינְשַׁיינֶען אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט דֶעם קִינְד, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם אָנְכַאפְּן אַ קִינְד מִיט כַּעַס אָדֶער צִיפְּן, שְׁטוּפְּן, שְׁלָאגְן, שְׁטוֹיסְן, חַס וְשָׁלוֹם, חַס וְשָׁלוֹם.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז שְׁלָאגְן וְכוּ׳ אִיז נִישְׁט פוּן שֵׂכֶל און

נִישְׁט פוּן חִינוּךְ, דָאס אִיז עֲצַבִּים, נֶערְוֶועןְ, אוּן פוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, פַארְלוֹירְנְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס הֶעלְפְט נָאר צוּ בַּארוּאִיגְן דִי נֶערְוֶוען, אִיז וִוי מֶעג מֶען שְׁלָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל?! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:), וֶוער עֶס שְׁלָאגְט אַ אִיד שְׁלָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מְחַזֵּק אַלֶע מְלַמְּדִים, אוּן זַיי דִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵּק, עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער דִי שְׂכַר אִיז אֵין לְתָּאֵר וְאֵין לְשַׁעֵר.

...

## מְחַזֵּק זַיין דֶעם זוּן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**ר' ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵּק דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיים לֶערְנֶען, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין בַּיים לֶערְנֶען, עֶר קֶען וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ שָׁאד אַז עֶר זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אוּן פְרֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס לוֹינְט זִיךְ דוּ זָאלְסְט אִים הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה, וַוייל דַיין זוּן קֶען וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

שְׁטַארְק זִיךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, וַוייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען מֶער נֶענְטֶער צוּ אִים, מֶען שְׁפִּירְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע, זִיסֶע אוּן אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## וַוארְף אַוֶועק דִי חָכְמוֹת, דִי קַאמְפְּלֶעקְסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הַאלְסְט מִיר אִין אֵיין שְׁרַייבְּן אוֹיב אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל; אִיךְ וֵייס נִישְׁט

וָואס דוּ ווילְסְט, מוֹחֵל אויף וָואס? מוֹחֵל אויף וֶוען? הָאסְט מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, אויף וָואס אִיז דָא צוּ בֶּעטְן מוֹחֵל... מוֹחֵל... מוֹחֵל...?

אַ שָׁאד פַאר דַיינֶע חָכְמוֹת, אַ שָׁאד אַז דוּ קוּמְסְט מֶער נִישְׁט זַיין מִיט חַבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַ שָׁאד פַאר דִיר אוּן אַ שָׁאד פַאר אוּנְז; בְּרוּדֶער, וַוארְף אַוֶועק דִי חָכְמוֹת (קַאמְפְּלֶעקְס), לָאז נִישְׁט אָפּ דִי טַייעֶרֶע חַבוּרָה; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ בֶּענְק צוּ דִי צַייטְן וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

...

## מַחֲלֹקֶת שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה, מֶען צֶעקְוֶועטְשְׁט דִיךְ פוּן אַלֶע זַייטְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן אָדֶער אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט, אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ וֵויי טוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, וּבְעִקָּר נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט בַּיי אַ שְׁמוּעֶס וָואס מֶען בַּארֶעדְט אַ דְרִיטְן - זָאלְסְטוּ פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס, אָדֶער אַוֶועק גֵיין, וַוייל ״מַחֲלֹקֶת אַחַת דוֹחָה מֵאָה פַּרְנָסוֹת״, מַחֲלֹקֶת שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שֶׁפַע.

בְּעִיקָר דַארְפְן מִיר אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֶענֶען אֱמֶת, מֶען וֵוייסְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אֵיינֶער הָאט אֵיינֶעם בַּא׳גַנֶב׳עֶט, בַּא׳עַוְלֶה׳עֶט, אוּן מֶען רֶעדְט, מֶען קָאכְט זִיךְ אוּן מֶען הַאלְט יֶענֶעם פָאר, אַיי ׳מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ?׳ וֶוער הָאט דִיךְ גֶעפְרֶעגְט? זָאל שִׁמְעוֹן רוּפְן רְאוּבֵן צוּ דִין תּוֹרָה, וִוי קוּמְט לֵוִי צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳? מִיר דַארְפְן בֶּעטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִיר וֶועלְן דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט וֶועט מֶען אוּנְז פָארְהַאלְטְן אויף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים,

נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשִׂים, מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, פַארְעֶכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## אָן חִיזוּק וֶוערְט מֶען אַלְט, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער צוּרִיק גָאר שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן, אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ צוּ זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע פְרֵייד, אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ דֶער עִיקָר.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דִי צְוֵויי זַאכְן, עֶס גֶעבְּט חִיזוּק צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס, אָן חִיזוּק שְׁלָאפְט מֶען אַיין, אָן חִיזוּק וֶוערְט מֶען אַלְט, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ; אִיךְ הָאף אִיךְ הָאבּ עֶס גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט, אִיךְ וִויל נָאר דַיין גוּטְס.

...

## אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן בְּלָאטֶע, אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוּן אַז דוּ פַאלְסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ - זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵייעֶן צוּ אִים: ״עַד מָתַי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ פַאלְן?״ זָאלְסְט שְׁרֵייעֶן בְּקוֹל דְּמָמָה דַקָּה: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מֶען וַוארְפְט

**מִיךְ אַרָאפּ, אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ, אִיךְ פַארְגֶעס זִיךְ, בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ".**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זָאג אוֹיס דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין מֶער קַיין פְּלַג גוּף, אוּן אַז מֶען וֶועט דִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּוַוארְפְן, דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל פּוֹגֵם זַיין, זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, כַאפּ זִיךְ אָן אִין רֶבִּינ'ס עֵצוֹת, לִימוּד מִ'שְׁנַיוֹת אוּן תְּ'הִלִים, זַיי זִיךְ מִ'תְבּוֹדֵד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## דָאס אַנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן אַיינְגֶעצוֹיגְנְקֵייט שַׁאדְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַרַיינְגֵיין אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ הָאבְּן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט פוּן דִי חֲתוּנָה וֶוען מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת אַלֵיינְס זֶענֶען דִי גוֹרֵם וָואס הַאלְט צוּרִיק קִינְדֶער, וַוייל דָאס אַנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן אַיינְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - דָאס הַאלְט אָפּ פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דִי דָאקְטוֹירִים אַלֵיינְס זָאגְן, אוּן דָאס פְרֵיילִיכְקֵייט בְּרֶענְגְט קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וִיהְיֶה לוֹ בָּנִים", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? וְכוּ', "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ

מַאכְן זַיין וַוייבּ; וֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי וַוייבּ דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער.

זַייט פְרֵיילִיךְ, אוּן זַייט זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער. נֶעמְט דִי סְגוּלָּה פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב) אַז קַאפִּיטְל ק', דִי קַאפִּיטְל פוּן 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה', אִיז מְסוּגָּל צוּ גֶעבּוֹירְן; אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָּל אָנְצוּהֵייבְּן וַוארְטְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. ...

**נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נִישְׁט שְׁטֶעכְן, אוּן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען אִיז מְתַקֵּן אַלֶע חֲטָאִים. דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ מְתַקֵּן זַיין אִין דִי טֶעג דֶעם חֵטְא הַיָּדוּעַ, חַטְאוֹת נְעוּרִים, אָבֶּער אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ דוּ רֶעדְסְט שְׁטֶעכֶעדִיג, שְׁפִּיזִיג.

מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען שׁוֹבָבִי"ם מִיט דִי חֵטְא הַיָּדוּעַ אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי חֵטְא שֶׁאֵינוֹ יָדוּעַ, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ; מֶען דַארְף זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, נִישְׁט שְׁטֶעכְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן. מֶען דַארְף אָפְּלָאזְן פַּרְעֹה, דִי פֶּה-רַע; דָאס רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוּן רְכִילוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג אַפָּאר טְרַאגֶעדִיעֶס וִוי יוּנְגֶע קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַוֶועק, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן וָואס וִויל מֶען דָא? וָואס דַארְפְן מִיר פַארְרֶעכְטְן? אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען עֶס פְלֶעגְט פַּאסִירְן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגְלִיקְן פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"ש אוּנְז אוֹיסְ'מוּסְרְ'ן מִיר זָאלְן מְתַקֵּן

זַיין בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, מִיר זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַיינְטְשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אוּנְז, נִישְׁט וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, נִישְׁט פַאְרשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַז אֵיינֶער הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת פוּן וואוּ מֶען גֶעהֶערְט, אַ צְוֵוייטֶע קְהִלָּה פוּן וואוּ מִיר גֵייעֶן, אַ צְוֵוייטֶע רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִוי וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דַארְף מֶען יֶענֶעם שְׁפֵּייעֶן, שְׁלָאגְן אוּן פַיינְט הָאבְּן?

דָאס מוּזְן מִיר פַארְרֶעכְטְן, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ד), מַחֲלֹקֶת אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ אַז אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט אַלְס אַ שְׁטְרָאף אוֹיף מַחֲלֹקֶת, וְהָא רְאָיָ׳, בֵּית דִין שֶׁל מַטָּה גֶעבְּט נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ פַאר אַ קָטָן אוּנְטֶער דִי דְרַייצְן יָאר, אוֹיךְ בַּיי בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹנֶשׁ נָאר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר אוּן הֶעכֶער, אוּן בַּיי קֹרַח זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֵיין טָאג אַלְט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער לָאמִיר פַארְרֶעכְטְן אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבְבִי״ם דִי זַאךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען טוֹישְׁן דִי וֶועג פוּן רֶעדְן, זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״וֶוען אִיךְ זֶע צְוֵוי טְרֶעגֶערְס קְרִיגְן זִיךְ, שְׁטֶעכְט עֶס מִיר בַּיי דִי זַייט״; דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס דָאס גֶעהֶערְט בְּלוֹיז צוּ מוֹהֲרַנַ״תְּ, דָאס דַארְף אוּנְז אַלֶע שְׁטֶעכְן, דָאס דַארְף אוּנְז וֵוי טוּן; וֶוען מֶען זֶעט אָדֶער מֶען הֶערְט וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ בַּיי אִידְן אָדֶער מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט.

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח אִיז דִי סְגוּלָה צוּ זָאגְן פַּרְשַׁת הַמָּן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה; זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אַז אוֹיף דִינְסְטָאג זָאלְסְטוּ הַאלְטְן בַּיי פַּרְשַׁת הַמָּן, זָאלְסְט קֶענֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין כְּסִדְרָן, אוּן מִיט דִי סְגוּלָה אוּן מִיט אָפְּלָאזְן דִי מַחֲלֹקֶת - וֶועט נִתְרַחֵב וֶוערְן, מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ אָפְּוַואשְׁן אוּן אָפְּרֵיינִיגְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי בְּלָאטֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע דַארְף מֶען פוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי בְּלָאטֶע, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, דֶער עִיקָר טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִיס"; אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּוַואשְׁן אוּן אָפְּרֵיינִיגְן, בְּלַייב נִישְׁט מִיט דִי בְּלָאטֶע, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען בְּלַייבְּן רֵיין. דִי צַדֶיקֶת אָדְל דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער הָאט גֶעזָאגְט וֶוען זִי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס, אוּן אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן, עֶס אִיז גֶעוָארְן אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוָארְן פַארְשְׁמִירְט פוּן דִי בְּלָאטֶע, נָאר אָדְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן זוֹיבֶּער, אֲפִילוּ אִיר שִׁיךְ אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין; דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אַזַא רוּאִיגְקֵייט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בְּלָאטֶע אוּן דָאךְ בְּלַייבְּן זוֹיבֶּער. הָאט אָדְל זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער".

דִי וֶוערְטֶער "אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער", אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי בְּלָאטֶע, נָאר זִיךְ רֵיינִיגְן אוּן בְּלַייבְּן רֵיין, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע

זַאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס (שְׁמוּעֶס אוֹיס פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן), הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גַאנְץ יֶערִיגֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶערְמַאן זִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן, וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעזֶען, אוּן וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט הַיינְט, וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט. עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיווּ וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוּנְז אוּן דָארְט אִיז דָא אַ שׁוּרָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (הוּבָא בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וִוי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען", דֶער רֶבִּי כַאפְּט אָן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין טִיפְן אָפְּגְרוּנְד, אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, 'מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן', אוּן וַואשְׁט אִים אָפּ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן צַדִיקִים, 'לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים', צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שי): "וִויפִיל פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען בַּיי מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רֶפֶשׁ וָטִיט, זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין בְּלָאטֶעס, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר מֶענְטְשְׁן, וָואס אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר זֵיי, 'כִּי גַם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם', זֵיי קוּמֶען פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע פְּלַאץ וָואס דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית אִיז אוֹיךְ צוּ קְלֵיין, 'שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתּוֹר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים', וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט פַאר זֵיי גְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע

לָאךְ, 'וְעַל יְדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזוֹ שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים', אוּן דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע דַּרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים"; זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וְוִי אִיךְ הָאב אַייךְ גֶעפוּנֶען", אוּן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוּן וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן.

לִיבֶער בְּרוּדֶער אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, הַיינְט אִיז ג' בְּשַׁלַּח, אַלֶע טוּעֶן דִי סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מֶען זָאגְט פַּרְשַׁת הַמָּן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אוּן מִיר בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאבְּן נָאךְ אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; דִי סְגוּלָה אִיז שַׁיָּיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אַז דִי וַוייבּ שְׁרֵייט זָאל מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן נָאר אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת; זִי שְׁרֵייט נִישְׁט וַוייל זִי ווִיל דִיךְ וֵויי טוּן, זִי שְׁרֵייט פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אַ פְרוֹי גֵייט אַרִיבֶּער? אִיךְ זָאג דִיר דוּ וֵוייסְט נִישְׁט, דוּ מֵיינְסְט דוּ וֵוייסְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אַ מַאן וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס פְרוֹיעֶן הָאבְּן בַּיים מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אוּן אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", פְרוֹיעֶן לַיידְן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל", זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ וֵוייטָאג בַּיים וַוארְטְן, בַּיים גֶעבּוֹירְן אוּן בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל, עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵייעֶר צַעַר אוּן זֵייעֶר יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## כַּאפּ אַרַיין גוּטְס, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נִישְׁט אִין קַיין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט לֵצִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב אוּן פַארְרוּפְן זִיךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב; זֵיי וֶועלְן דִיךְ אָפְּקִילְן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי וֶועלְן דִיר פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט לֵיצָנוּת, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָואָה מִיר זָאלְן נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט קֵיינֶעם בְּעִנְיַן דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע), מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט מֶען זֶען דָאס וָוארְהֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט (צַוָואַת מוֹהֲרַ"שׁ, אִינְמִיטְן אוֹת יג): וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצֵייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד". "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'" - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען וִוי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיּוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָּשׁ "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ" מֶען לֶערְנְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רַב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִּיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר פָּאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, עַד כַּאן.

דו הָאסְט דָאךְ שׁוֹין טוֹעם גֶעוֶוען דִי טַעַם פוּן רֶבִּי'ן, הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס אָפְּלָאזְן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר? אוֹיף דַיין נְשָׁמָה? עֶס וֶועט דָאךְ קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט מוּזְן צוּרִיק גֶעבְּן דִי נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָארְט וֶועט מֶען אַפִּיר נֶעמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַלֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען, וָואס וֶועט דֶעמָאלְט זַיין? עֶס וֶועט דָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', דִי אַלֶע וֶועלְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְגֶעפִילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ - צֶענְדְלִיגֶער מָאל מְסַיֵּים גֶעוֶוען

שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; בַּבְלִי; יְרוּשַׁלְמִי; תּוֹסֶפְתָּא; רַמְבַּ"ם; טוּר; שֻׁלְחָן עָרוּךְ; זוֹהַר; תִּיקוּנֵי זוֹהַר אוּן אַלֶע מֶדְרָשִׁים, זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שׁוֹין זֶען וֶוער אִיז דֶער גֶעלֶעכְטֶער, וַוייל דֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעלַאכְט פוּן רֶבִּינְ׳ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד בַּיי אִים וֶועט נֶעבֶעךְ מְקוּיָם וֶוערְן וָואס שְׁטֵייט (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זוֹהַר חָדָשׁ, רות), אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענִיצְט זַיינֶע יָארְן, זַיין נְשָׁמָה קְלָאגְט: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אָבֶער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג.

לְמַעַן טוֹבָתְךָ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן מִיט קֵיינֶעם קַיין וִיכּוּחִים, דוּ כַאפּ אַריין גוּטְס, לֶערְן אוּן דַאוֶוען, דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי מְשׁוּנָה פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵיצָנוּת אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוֹיף צַדִּיקִים דַארְף מֶען טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (הַנְהָגוֹת אָדָם, סִימָן א), מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, "וְאָז יִרְאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁעָמְדוּ עֲווֹנוֹתָיו נֶגֶד עֵינָיו, וְיִזְכֹּר אֶת חַטֹּאתָיו וַעֲווֹנוֹתָיו וּפְשָׁעָיו כֶּהָרִים וּגְבָעוֹת", דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס גְרֵייכְט אַזוֹיפִיל וִוי רִיזִיגֶע בֶּערְג, "אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא זָכַר אוֹתָם אִם עָשָׂה כָּכָה", וָואס פַארְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין הָאט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, "כָּכָה יַעֲשֶׂה לֹא פַּעַם וְלֹא שְׁתַּיִם וְלֹא מֵאָה פְּעָמִים, עַד אֲשֶׁר יְרַחֲמוּ עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם", אַזוֹי זָאל עֶר טוּן נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נִישְׁט הוּנְדֶערְט מָאל; עֶר זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן בִּיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, "וְיִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּדְרִיכֵהוּ בַּדֶּרֶךְ וְיוֹרֵהוּ דַּרְכּוֹ שֶׁלֹּא יְבַלֶּה חַיָּיו", עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן אוּן טֶעג מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן עֶר וֶועט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

גֶעב זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן לֵיצָנוּת, מֵיין נִישְׁט אַז דִיר קֶען עֶס נִישְׁט שָׁאטְן, זָאל זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ, קֶען עֶר וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט דוּרְךְ לֵיצָנוּת. מוֹהֲרַנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזֶען רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קְלוֹיז, יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט לֵיצָנוּת, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ יֶענֶעם, אִיךְ קֶען דִיר אָבֶּער זָאגְן אַז אוֹיב דוּ גֵייסְט צוּ יֶענֶעם קוּם נִישְׁט צוּ מִיר"; וַוייל לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז וִוי אַ פַאנְצֶער נִישְׁט צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין וֶוערְטֶער פוּן קְדוּשָּׁה.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער וִוי אַרֵיינְקוּקְן דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה, דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת יג, יז): "וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרֵיינְטְרָאגְן דִי אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי לַאנְד פְּלִשְׁתִּים, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז דִי אִידְן וֶועלְן צוּרִיקְגֵיין קַיין מִצְרַיִם; וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? וִוי קֶען זַיין דִי אִידְן זָאלְן וֶועלְן צוּרִיק גֵיין קַיין מִצְרַיִם? נָאכְן כַאפְּן קְלֶעפּ פוּן דִי מִצְרִיִּים, נָאכְן וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט מִיט בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת, נָאכְן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי אוֹיסְלֵייזְן, וִוי קֶען זַיין אַ הֲוָה אַמִינָא מֶען זָאל וֶועלְן צוּרִיקְגֵיין קַיין מִצְרַיִם צוּ כַאפְּן שְׁלֶעק? וֶוער זָאל וֶועלְן מֶען זָאל אַרֵיינְוַוארְפְן זַיינֶע קִינְדֶער אִין וַואסֶער? מֶען זָאל שְׁלָאגְן מִיט מַכּוֹת רֶצַח?!

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן אַלֶע יָארְן בַּיי דִי פַּרְשָׁה, בַּיי דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּרִים, אַז דִי פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה, וַוייל לֵיצָנוּת אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קְלִיפָּה, עֶס אִיז אָן קַיין שֵׂכֶל, אָן קַיין טַעַם, וַוייל דוּ קֶענְסְט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ גִּלּוּי אֱלֹקוּת, קֶענְסְט אִים

הֶעלְפְן, קֶענְסְט אִים רַאטֶעוֶוען וְכוּ', און מִיט לֵיצָנוּת אִיז אַלֶעס אוֹיס, לֵיצָנוּת אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעמֶען, און דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרָאגְן דִי אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי פְּלִשְׁתִּים, וַוייל מִיט לֵצָנוּת וֶועלְן זֵיי חוֹזֵק מַאכְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר, אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "גִּיוַואלְד! דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט, פוּל מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, און דֶער קְלֵיינֶער הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס"; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז, אַז וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן הֵייבְּט מֶען אָן לֶעבְּן, מֶען הֶערְט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, מֶען הָאט כֹּחַ אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, שְׁוֶועריקֵייטְן פוּן פַּרְנָסָה, שְׁוֶועריקֵייטְן מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער, שְׁוֶועריקֵייטְן פוּן וְכוּ' וְכוּ', - בִּיז עֶס קוּמְט דֶער קְלֵיינֶער הֶענְטֶעלֶע און פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, מֶען טְרֶעפְט אַ לֵץ, עֶר פְרֶעגְט: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" נָאכְן עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל און דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶער קְלֵיינֶער מַאךְ מִיט דִי הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד!" און אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד!"

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ וואוּנְדֶערְן, וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען בַּיים רֶבִּי'ן צוּלִיבּ אַ שְׁמֵייכְל פוּן אַ חָבֵר? צוּלִיבּ אַ קְרוּם מִיט דִי נָאז, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! עֶס הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל! פְרֶעג דֶעם מֶענְטְשׁ, גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעקוּקְט אֵיידֶער דַיין הִתְקַרְבוּת? דַיין שָׁלוֹם בַּיִת? דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם? דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת דִיבּוּרִים וּמַעֲשִׂים וְכוּ', וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז צוּלִיבּ אַ וֶוערְטְל, צוּלִיבּ אַ לָשׁוֹן הָרָע, אַ לֵיצָנוּת - זָאל מֶען אַלֶעס אָפְּלָאזְן?

טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט

פְּשַׁט אוֹיף וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הַבָּא לִיטַּמֵא פּוֹתְחִין לוֹ", אֵיינֶער וויל גֵיין צוּ דִי טוּמְאָה, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין, "שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ", זָאגְט רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ וויל טוּן עֲבֵירוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ אוּן עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אַזוֹי מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְן, אוּן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ וֶועט זַיין דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין מָאנְטִי דִינְסְטָאג נַאכְט, מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי יְרוּשָׁה פוּן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת קויפמאן

# הספר הקדוש הזה
# נתנדב לזכות

מוה"ר **אברהם שמעון**
**קויפמאן** הי"ו

וזוגתו **חיה ברכה** תחי'

ובנם **שמחה ישראל** נרו יאיר

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון